**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/4/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול נאמינירט צוויי ניו יארקער אלץ קאנדידאטן צו באקומען פאראייניגטע שטאטן עדזשוקעישען דעפארטמענט'ס 'אנערקענען אינספירירנדע סקול ארבייטער' אויסצייכענונג**

***אויסצייכענונג באערט סקול ארבייטער וועלכע גיבן מוסטערהאפטיגע סערוויסעס פאר שילער/ינס***

***ארבייטער פון באפעלאו סיטי סקול דיסטריקט און ניובורג פארגרעסערטע סיטי סקול דיסטריקט נאמינירט פאר זייער אויסערגעוועגטליכע ארבעט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט נאמינירט צוויי ניו יארקע פובליק סקול ארבייטער אלץ קאנדידאטן צו באקומען די פאראייניגטע שטאטן עדזשוקעישען דעפארטמענט'ס 'אנערקענען אינספירירנדע סקול ארבייטער' (Recognizing Inspiring School Employees, RISE) אויסצייכענונג, א פעדעראלע אויסצייכענונג צו באערן ארויסגעשטעלטע סקול ארבייטער וועלכע שטעלן צו מוסטערהאפטיגע סערוויסעס פאר שילער/ינס. די נאמינירטע ארבייטער רעכענען אריין ברידזשעט אָובריין-וואוד, דירעקטארין פון קינדער ערנערונג סערוויסעס פאר די באפעלאו סיטי סקול דיסטריקט, און פעטרישע קוין, טראנספארטאציע קאארדינעיטאר פאר די ניובורג פארגרעסערטע סיטי סקול דיסטריקט.

"אנגעהויבן פון געזונטהייט סערוויסעס ביז טראנספארטאציע ארבייטער — שפילן סקול ארבייטער א קריטישע ראלע אינעם האלטן אונזערע סקולס אפן און אונזערע סטודענטן פארזיכערט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס איז מיר אן עהרע צו אנערקענען די צוויי מענטשן פאר זייער פירערשאפט און איבערגעגעבנקייט פארן שאפן די סקול אטמאספערע וואו שילער/ינס קענען לערנען און בליהען. יעדן טאג קומען זיי אריין צום ארבעט פאר אונזערע קינדער, און עס קומט זיך פאר זיי צו אנערקענט און געפייערט ווערן פאר זייער שווערע ארבעט."

די RISE אויסצייכענונג אנערקענט ארויסגעשטעלטע סקול ארבייטער, אריינרעכענענדיג געהילפן, לערער/ינס און הנהלה ארבייטער, טראנספארטאציע סערוויסעס, געזונטהייט און שילער/ינס סערוויסעס, טעכנישע סערוויסעס און חינוך ספעציאליסטן, וועלכע שטעלן צו מוסטערהאפטיגע סערוויס פאר די שילער/ינס. די סעקרעטערי אָוו עדזשוקעישען וועט אויסוועהלן א קאנדידאט צו באקומען די RISE אויסצייכענונג קומענדיגע פרילינג.

**ברידזשעט אָובריין-וואוד** איז שוין די דירעקטארין פון קינדער ערנערונג סערוויסעס ביי די באפעלאו סיטי סקול דיסטריקט – די צווייט-גרעסטע סקול דיסטריקט אין ניו יארק סטעיט – פאר די לעצטע 30 יאר. זי פירט אן א מאנשאפט פון 460 איינגעשטעלטע צו אנפירן די פעדעראלע סקול מיטאג, פרישטאג, צובייס און זומער מאלצייטן פראגראמען וועלכע שטעלן צו אומזיסטע מאלצייטן פאר באפעלאו סיטי קינדער אין 87 סקול געביידעס (פובליק, נישט-פובליק און טשאַרטער סקולס) און ביי 124 זומער לאקאציעס. דורכאויס די פאנדעמיע האט ברידזשעט מידלאז געארבעט צו זיכער מאכן אז די

דיסטריקט'ס פאמיליעס האבן צוטריט צו נאראהאפטיגע מאלצייטן אין די צייטן ווען די סקולס זענען געווען פארמאכט.

אלץ טראנספארטאציע קאארדינעיטאר פאר די ניובורג פארגרעסערטע סיטי סקול דיסטריקט, מאכט **פעטרישע קוין** זיכער אז טראנספארטאציע שטייט קיינמאל נישט אין וועג פון די חי פון א שילער/ין אדער פון אנטיילנעמען אין אקטיוויטעטן אינדרויסן פון סקול. זי ארבעט מיט שילער/ינס, עלטערן, הנהלה און איינגעשטעלטע פון די סקול און מיט טראנספארטאציע קאנטראקטארס צו אויסשטעלן ווירקזאמערהייט די באס רוטס און זיכער מאכן אז שילער/ינס קומען אן פון און צו סקול זיכערערהייט. אין צוגאב צו טעגליכע סקול טראנספארטאציע, ארבעט זי מיט זומער פראגראמען, ספארטס טיעמס און מיט די לערנען מאטעריאלן און קלאסן אפיס צו אראנזשירן טראנספארטאציע צו פראגראמען נאך די סקול טאג, אויספלוגן און ספארטס געשעענישן. זי ארבעט אויך צו אנטוויקלען א נייע טראנספארטאציע באקענונג פראגראם פאר שילער/ינס צו פארגרינגערן אנגעצויגנקייט און ערקלערן באס זיכערהייט פאר די קינדער, און זי ארבעט פון די נאענט מיט פאמיליעס צו פארזיכערן זיכערע און פארלעסליכע טראנספארטאציע פאר שילער/ינס.

די פאראייניגטע שטאטן עדזשוקעישען דעפארטמענט לאדנט איין גאווערנערס פון יעדע סטעיט צו נאמינירן ביז צוויי קאנדידאטן יעדע יאר. די קאנדידאטן וואס ניו יארק שטעלט ארויס זענען אויסדערוועהלט געווארן באזירט אויף זייער ארבעט, זיין אריינגעמישט אין די סקול און קאמיוניטי, פירערשאפט און איבערגעגעבנקייט, לאקאלע שטיצע פאר זיי און זייער ראלע אינעם פארבעסערן די בליק פון די סקול ארבייטער אין די אויגן פון די קאמיוניטי און די סקולס.

**ניו יארק סטעיט עדזשוקעישען קאמישאנער, בעטי א. ראָזע, האט געזאגט,** "אונזערע סקולס וואלטן נישט געקענט טוהן די געוואלדיגע ארבעט וואס זיי טוהען אן די קריטישע שטאב מיטגלידער וועלכע שפילן קריטישע ראלעס אינעם שאפן אן אטמאספערע וואס שטיצט אונטער די הצלחות פון די שילער/ינס, זייער זיכערהייט און זייער געזונטהייט. איך בין דאנקבאר פאר די העלדן וועלכע שטייען אויף די פארנט ליניעס ווי פעטרישע קוין און ברידזשעט אָובריין-וואוד וועלכע האבן זיך איבערגעגעבן צו פארזיכערן אז שילער/ינס האבן אלעס וואס זיי דארפן דורכאויס די סקול טאג, און זיי זענען א וויכטיגע טייל פון די יסוד פון סקול קאמיוניטיס."

**ניו יארק סטעיט באָורד אָוו רידזשענטס טשענסעלאר, לעסטער וו. יאנג דזשוניאר, האט געזאגט,** "די ארבעט פון סקול געזונטהייט, טראנספארטאציע, עסן סערוויס און אויפהאלטונג ארבייטער ערלויבט לערער/ינס צו אויסלערנען און שילער/ינס צו לערנען. יונגע מענטשן קענען נישט אנקומען צו זייער פולע פאטענציאל אויב זיי זענען הונגעריג אדער קענען נישט אנקומען צו זייער קלאס. ברידזשעט אָובריין-וואוד און פעטרישע קוין מאכן זיכער אז שילער/ינס זענען גרייט צו לערנען, און איך בין גאר באגייסטערט זיי צו אנוואונטשן. די שטיצע און איבערגעגעבנקייט פון די געוואלדיגע שטאב מיטגלידער העלפן צו צושטעלן די געלעגנהייטן וועלכע וועלן ערלויבן אלע פון אונזערע קינדער צו גיין אזוי ווייט ווי זייערע האפענונגען און חלומות וועלן זיי נעמען."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418